קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
**רבינו אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## מקץ

גליון י"ח - שנת תשפ"ד לפ"ק

• **אידיש** •

יו"ל ע"י
מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
**שינאווא**

בס"ד

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון

יכולין להשאיר הודעה על הטעל.
845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שע"י קהל דברי יחזקאל
שינאווא

## וַתִּרְעַב כׇּל אֶרֶץ מִצְרַיִם וַיִּצְעַק הָעָם אֶל פַּרְעֹה לַלָּחֶם וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה לְכׇל מִצְרַיִם לְכוּ אֶל יוֹסֵף אֲשֶׁר יֹאמַר לָכֶם תַּעֲשׂוּ.

**דער** פסוק פארציילט, אז די מצריים זענען געקומען צו פרעה און געשריגן אז ער זאל זיי געבן ברויט, האט פרעה זיי געזאגט, אז זיי זאלן פאלגן אלץ וואס יוסף הייסט זיי. איז רש"י מסביר וואס איז דא געווען דער ויכוח: **"לפי שהיה יוסף אומר להם שימולו, וכשבאו אצל פרעה ואומרים כך הוא אומר לנו, אמר להם למה לא צברתם בר והלא הכריז לכם ששני הרעב באים אמרו לו אספנו הרבה והרקיבה, אמר להם אם כן כל אשר יאמר לכם תעשו הרי גזר על התבואה והרקיבה מה אם יגזור עלינו ונמות"** - יוסף האט זיי געהייסן זיך מל'ען, און זיי האבן נישט געוואלט, דעריבער זענען זיי געגאנגען צו פרעה און זיך אפגערעדט צו אים. האט פרעה זיי געפרעגט: "פארוואס האט עטץ נישט אליינס אוועקגעלייגט קיין עסנווארג פאר די הונגער יארן?", האבן זיי געענטפערט: "מיר האבן יא אוועקגעלייגט, אבער עס איז אלעס פארשימלט געווארן!". האט פרעה געזאגט: "נו, זעט עטץ דאך אז יוסף האט גוזר געווען אויף ענקער תבואה אז עס זאל פארשימלט ווערן, אויב אזוי מוזט עטץ פאלגן אלץ וואס ער הייסט, ווייל ער קען נאך גוזר זיין אויף אונז אז מיר זאלן שטארבן.

**א)** לכאורה דארף מען פארשטיין: בפשטות זעט דאך אויס, אז יוסף האט געוואוסט פון א באהאלטענע 'חכמה' - וואס די מצריים האבן דאס נישט געוואוסט - וויאזוי מען האלט פריש די תבואה אויף א לענגערע צייט; ווי עס שטייט אויבן (בראשית מא, מח): **"וַיִּתֶּן אֹכֶל בֶּעָרִים אֹכֶל שְׂדֵה הָעִיר אֲשֶׁר סְבִיבֹתֶיהָ נָתַן בְּתוֹכָהּ"**. און ווי רש"י זאגט דארט: **"שכל ארץ וארץ מעמדת פירותיה ונותנין בתבואה מעפר המקום ומעמיד את התבואה מלירקב"**. נו, פון וואו איז פרעה אנגעקומען צו אזא ווייטע מסקנא אז דא שטעקט גאר אזא מין הימלישן כח פון א 'גזירה' וואס יוסף האט גוזר געווען אויף זייער תבואה אז עס זאל פארשימלט ווערן?

**ב)** בכלל דארף מען פארשטיין: יוסף האט זיי דאך נישט מגייר געווען, נאר בלויז גע'מל'עט, נו, וואס איז דער אויפטוה צו מאכן גע'מל'עטע גוים - א זאך וואס די בני נח זענען נישט מצווה דערויף?

**ג)** ווייטער שטייט אין פסוק: **הָבֵא אֶת הָאֲנָשִׁים הַבָּיְתָה וּטְבֹחַ טֶבַח וְהָכֵן כִּי אִתִּי יֹאכְלוּ הָאֲנָשִׁים בַּצָּהֳרָיִם.** שטייט אויף דעם אין מדרש (ב"ר צב, ד): **"וטבוח טבח והכן אין והכן אלא שבת וכו' הדא אמרה ששמר יוסף את השבת קודם שלא תנתן"** - יוסף האט געהייסן אנגרייטן א סעודה אויף שבת קודש, און פון דא זעט מען אז יוסף האט געהיטן שבת נאך איידער עס איז געגעבן געווארן. לכאורה איז שווער, יוסף האט דאך בפשטות געהיטן די **גאנצע** תורה - אזויווי די אבות הקדושים, דאס האט ער דאך געלערנט ביי זיין טאטן; ווי רש"י זאגט (בראשית לז, ב): "כל מה שלמד משם ועבר מסר לו". נו, פארוואס איז די תורה מדגיש דוקא דעם ענין פון שמירת שבת?

**ד)** מען טרעפט ביי די יונים אז זיי האבן געוואלט מבטל זיין די דריי מצוות פון 'חודש', 'שבת' און 'מילה'. דארף מען פארשטיין וואס איז דער ענין פארוואס זיי האבן זיך פארלייגט דוקא אויף די דריי מצוות - מער ווי די גאנצע תורה?

**ה)** עס איז באקאנט פון אלע ספרים, און דער **דברי חיים** (לחנוכה, ד"ה הנה המצוה) איז אויך אסאך מאריך דערין, אז כאטש וואס געווענליך קומט נישט די שכינה אראפ נידריגער פון צען טפחים; ווי די גמרא זאגט (סוכה ה.), אבער חנוכה האט א זעלטענעם כח, אז מען צינדט אזוי נידריג, און דורכדעם איז מען ממשיך די שכינה אפילו אונטער צען טפחים. דארף מען פארשטיין, וואס איז די גרויסע אויפטוה דערפון?

**עס** קען אפשר זיין אז די זעלבע 'כונה' וואס די יונים האבן אינזין געהאט מיט זייערע גזירות אויף 'חודש', 'מילה' און 'שבת' - האט יוסף הצדיק אינזין געהאט אויף פארקערט, מחזק צו זיין אט די יסודות, און מיט דעם אנגעגרייט א כח אין כלל ישראל אויף די שפעטערע דורות בימי גלות יון, און די זעלבע זאך האבן שפעטער די חשמונאים אינזין געהאט מיטן מתקן זיין א מצוה פון 'הדלקת נרות חנוכה' - כדי מחזק צו זיין אידן אין אלע דורות אין די דריי יסודות.

### חכמת יון: רם ה' – דער באשעפער קוקט נישט אויף אונז

**עס** איז דאך באקאנט, אז די יונים זענען געגאנגען מיט גרויסע חכמות און חקירות, און מיט דעם האבן זיי געוואלט עוקר זיין די גאנצע אמונה פון

כלל ישראל. ווייל זיי האבן געהאלטן אז 'רם השם' - דער אייבערשטער איז אזוי הויך און דערהויבן, אז עס איז 'אין כבודו להשגיח בתחתונים', עס אינטערעסירט אים בכלל נישט די מעשים פון די מענטשן אויף דער קליינער וועלט. און פון דעם איז געווארן נשתלשל א כפירה אין אלע יסודות האמונה בכלליות.

כפירה אין די דריי יסודות האמונה: 'שכר ועונש', 'תפלה' און 'תשובה'.

**בפרטיות** האט זיך דאס ארויסגעגעבן אויף דריי פרטים: '**שכר ועונש**', '**תפילה**' און '**תשובה**'. דאס הייסט, וויבאלד זיי האבן געהאלטן אז דער אייבערשטער דארף נישט אז א מענטש זאל טון מצוות און זיך היטן פון עבירות, ממילא האבן זיי דורכדעם כופר געווען אין '**שכר ועונש**', ווייל אויב אינטערעסירט עס אים נישט, וועט ער דאך אודאי נישט מעניש זיין אדער באלוינען דערויף. אזוי אויך, וויבאלד זיי האבן געהאלטן, אז דער אייבערשטער קוקט זיך נישט אום אויף די קליינע מענטשן, ממילא האבן זיי דורכדעם כופר געווען אינעם ענין פון '**תפילה**' - אז א מענטש קען נישט בעטן דעם אייבערשטן און דורכדעם טוישן עפעס אין דער הנהגת ה' ווייל דער אייבערשטער הערט זיך נישט צו צו מענטשן אויף דער וועלט. און אזוי אויך, וויבאלד זיי זענען אזוי שטארק געווען פארנומען מיטן 'אין כבודו להשגיח בתחתונים', ממילא האבן זיי דורכדעם כופר געווען אינעם ענין פון '**תשובה**', ווייל אויב 'לו יצויר' אז א מענטש האט שוין יא באוויזן אנצוקומען צו א מצב וואס ער האט געטון עפעס שלעכטס וועלכע האט מצער געווען דעם כביכול - פאסט דאך אודאי נישט פאר זיין גרויסן כבוד, אז דער מענטש זאל דאס קענען אפווישן מיט א 'חטאתי עויתי פשעתי'.

'חודש', 'מילה' און 'שבת' - קעגן די דריי יסודות האמונה: 'שכר ועונש', 'תפלה' און 'תשובה'

**און** דערפאר האבן זיי געזוכט עוקר צו זיין די דריי מצוות 'חודש', 'מילה' און 'שבת' - ווייל זיי האבן פארשטאנען, אז אט די דריי מצוות זענען קעגן די דריי יסודות האמונה; ווי דער שווער זכרונו לברכה פלעגט זאגן: "זיי זענען געווען גרויסע שקצים[א]". זיי האבן פארשטאנען דעם עסק און

א ווי עס שטייט: "ולא קם עוד נביא בישראל כמשה", זאגן חז"ל: "בישראל לא

געוואוסט די גרויסקייט און פנימיות פון די מצוות, און דערפאר האבן זיי געוואוסט אויף וואס זיך צו פאַרלייגן.

'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא' - צוליב 'מי הקדימני ואשלם'

**עס** ווערט געברענגט אין ספרים (חי' מהרי"ד מבעלזא פר' פנחס ד"ה בקנאו, ועוד) א טעם אויף דאס וואס די גמרא זאגט (קידושין לט:): "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא" - עס איז נישטא קיין 'שכר מצוה' אויף דער וועלט, אז דאס איז צוליב דעם וואס א מענטש האט קיינמאל נישט אנגעהויבן די מצוה ממש פון אנפאנג, נאר דער אייבערשטער האט אלעמאל אנגעהויבן פריער - מיט דעם וואס ער האט אים געגעבן די געלעגנהייט צו טון די מצוה; ווי דער פסוק זאגט (איוב מא, ג): "**מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם**". און ווי דער מדרש זאגט (ויק"ר כז, ב): "**מי עשה לי מעקה עד שלא נתתי לו גג, מי עשה לי מזוזה עד שלא נתתי לו בית**" - ווער האט דען געמאכט א מעקה אדער א מזוזה, איידער איך האב אים געגעבן א הויז. קומט אויס, אז דער גאנצער שכר איז נישט בתורת 'חיוב', נאר דער אייבערשטער טוט א חסד און ער גיבט שכר פארן מענטש. אבער איינמאל עס איז נישט קיין חיוב, מוז ער עס נישט געבן יעצט, נאר ער לייגט עס אוועק אויף יענער וועלט.

ביי קידוש החודש זענען אידן יא 'מקדים' ממילא איז דא 'שכר בהאי עלמא'

**עס** איז אבער פאראן איין מצוה, וואס דארט קען מען נישט טענה'ן 'מי הקדימני ואשלם', דאס איז די מצוה פון 'קידוש החודש'; ווי דער מדרש זאגט (ד"ר פ"ב, ט): "כשמתכנסין מלאכי השרת לפני הקב"ה לומר אימתי ר"ה ואימתי יוה"כ, הקב"ה אומר להם לי מה אתם שואלים, **אני ואתם נלך אצל בית דין של מטה**" - די מלאכים פרעגן דעם אייבערשטן ווען איז ראש השנה? ענטפערט דער אייבערשטער: לאמיר גיין פרעגן ביי דעם 'בית דין של מטה'. זעט מען, אז דער גאנצער קידוש החודש - וואס דאס נעמט אריין אלע ימים טובים און אלע מצוות וואס ווערן געטון אין זיי - הייבט זיך אָן דא אונטן ביים בית דין של מטה. ממילא, איז דארט נישט שייך די טענה פון 'מי



קם אבל באוה"ע קם ומאן ניהו בלעם". דאס הייסט אז די שקצים האבן געהאט גרויסע השגות - פארשטייט זיך מצד הטומאה - אבער האבן פארשטאנען 'פנימיות התורה', און אזוי ארום האבן זיי געוואוסט וויאזוי מלחמה צו האלטן מיטן כלל ישראל.

הקדימני', ווייל דארט זענען אידן זיך יא מקדים בעפאר דעם אייבערשטן כביכול, און ממילא איז יא דא 'שכר מצוה בהאי עלמא'.

### קידוש החודש ווייזט אויף 'שכר ועונש'

**קומט** אויס, אז דער ענין פון 'קידוש החודש', ווייזט אויף 'שכר ועונש'. ווייל געווענליך האבן מיר דאך נישט קיין קלארע הוכחה וויאזוי אויפצואווייזן פאר די כופרים, אז דער אייבערשטער איז יא מעניש און ער גיבט יא שכר, וויבאלד עס איז דאך דא דער כלל פון 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא', ממילא קען מען דאך נישט אנצייגן מיטן פינגער, אז מען באקומט שכר פאר א מצוה און אן עונש פאר אן עבירה. אבער ביי מצות קידוש החודש, וואס דארט איז יא דא שכר אויף דער וועלט, דורכדעם קען מען יא אויפווייזן פאר די כופרים און זיי אנצייגן אז פאר ערליכע אידן גייט גוט אויף דער וועלט, וויבאלד זיי היטן די תורה. און ממילא איז דאס א הוכחה קעגן די כופרים אין 'שכר ועונש'. און דערפאר האבן זיך די יונים פארלייגט דייקא אויף 'חודש', כדי צו קענען אנגיין מיט זייער כפירה אין 'שכר ועונש'.

### מילה ווייזט אויפן כח פון 'צדיק גוזר'

**דער** קדושת לוי (פר' וירא ד"ה כי) איז מסביר באריכות דעם טעם, פארוואס אברהם אבינו האט זיך נישט גע'מל'עט נאך איידער ער איז נצטוה געווארן דערויף, זאגט דער קדושת לוי: אז איידער דער אייבערשטער האט אים געהייסן זיך מל'ען, האט ער נישט געהאט דעם רשות צו טון אנדערש ווי דער אייבערשטער האט אים באשאפן מיט אן ערלה. דערפאר האט ער געדארפטווארטן אויפן ציווי ה'. און דער קדושת לוי פירט אויס, אז מיט דער מצוה פון מילה האט אים דער אייבערשטער איבערגעגעבן דעם כח פון 'צדיק גוזר', ווייל דורכן 'מילה' טוט דאך דער מענטש אנדערש ווי דער אייבערשטער האט אים באשאפן, וואס דאס איז א בחינה פון 'צדיק גוזר', אז דער מענטש קען טון אנדערש ווי דער אייבערשטער האט געטון, און 'והקדוש ברוך הוא מקיים', דער אייבערשטער נעמט עס אן און זאגט נאך אז דאס איז שענער ווי זיינע מעשים; ווי דער מדרש זאגט אויף דעם (תנחומא תזריע ה): **"מעשי בשר ודם נאים יותר ממעשיו של הקדוש ברוך הוא"**.

### ׳תפילה׳ און ׳צדיק גוזר׳ קומט פון איין שורש

**דער** ענין פון ׳מילה׳, וואס ווייזט אויף ׳צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים׳ איז מקושר צו דעם ענין פון ׳תפלה׳. ווייל ביידע קומען פונעם זעלבן שורש, אז דער אייבערשטער רעכנט זיך מיטן דיבור פון א איד. נאר ביי א פשוט׳ן איד גייט עס אויף אן אופן פון ׳תפלה׳, און ביי א צדיק גייט עס אויף א שטארקערן אופן פון ׳גזירה׳ - וואס דאס איז נאך מער עוקר די קליפה פון חכמת יון וואס זיי לייקענען אינעם ׳כח התפלה׳.

**קומט** אויס, אז די מצוה פון ׳מילה׳ איז עוקר די צווייטע נקודה פון כפירה, וואס די כופרים לייקענען אינעם כח וואס א מענטש קען מיט זיין דיבור טוישן אין דער הנהגת ה׳, צי דורכן כח פון ׳צדיק גוזר׳, צי דורכן כח פון ׳תפלה׳. און דערפאר האבן זיך די יונים פארלייגט, אויף מצות מילה׳, כדי צו קענען אנגיין מיט זייער כפירה אינעם ענין פון ׳תפלה׳.

### שבת ווייזט אויפן כח התשובה

**דער** ענין פון ׳שבת׳ דאס ווייזט אויף ׳תשובה׳; ווי עס שטייט אין מדרש (ב״ר כב, יג): ״ויצא קין מלפני ה׳ וכו׳, פגע בו אדם הראשון אמר לו מה נעשה בדינך, א״ל עשיתי תשובה ונתפשרתי, התחיל אדם הראשון מטפח על פניו אמר **כך היא כחה של תשובה ואני לא הייתי יודע**, מיד עמד אדם הראשון ואמר מזמור שיר ליום השבת״ - ווען עס איז געקומען שבת האט אדם הראשון אנגעהויבן תשובה צו טון אויף זיין חטא עץ הדעת. און דער סידורו של שבת (שורש א ענף ג) איז שטארק מאריך אין דעם, אז שבת איז אן ענין פון ׳תשובה׳. און דערפאר האבן זיך די יונים פארלייגט אויף שמירת שבת, כדי צו קענען אנגיין מיט זייער כפירה אינעם ענין פון ׳תשובה׳.

### די חכמות היונים איז שוין געווען פריער

**אינ׳אמת׳ן,** האט זיך דער שורש הקליפה פון די אלע שיטות פון די יונים, אנגעהויבן יארן פריער נאך בימי אנוש. און אין די צייטן פון יוסף, איז מצרים געווען דער מקור פון די אלע חכמות; ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה יט, יא): ״שָׂרֵי צֹעַן חַכְמֵי יֹעֲצֵי פַרְעֹה״, און ווי דער רמב״ן אין סוף פרשת בא רעכנט אויס, אז איינע פון די כפירות פון מצרים איז געווען דער

ענין פון 'עזב ה' את הארץ'[ב]. און דערפאר האט יוסף געטון פעולות, מכניע צו זיין די קליפה פון מצרים, כדי אז אידן אין אלע דורות זאלן זיך קענען דערהאלטן ביי די דריי יסודות האמונה.

די תבואה איז פארפוילט געווארן - ווייזט אויף 'צדיק גוזר'

**דאס** קען זיין פשט אין דער גאנצער פרשה פון יוסף. ווייל יוסף האט טאקע באהאלטן די אלע תבואות מיט א טבע'דיגע חכמה, וואס ער האט געלייגט די זאמד פון יענעם פעלד, און דורכדעם האט זיך דאס געהאלטן. און ער האט נישט געמאכט קיין סוד דערפון, נאר אלע מצריים האבן אויך געוואוסט פון דער עצה, און אלע האבן דאס נאכגעטון. אבער יוסף האט טאקע באמת 'גוזר' געווען מיטן כח פון 'צדיק גוזר', אז אלע זייערע תבואות זאלן פארשימלט ווערן.

יוסף האט זיי אויך געהייסן מל'ן כדי צו צוברעכן זייער כפירה אין 'צדיק גוזר'

**בלית** ברירה זענען זיי געקומען צו יוסף און אים געבעטן עסן. האט יוסף זיי געזאגט: "מל'עט אייך! און מיט דעם וועל איך זען, אז עטץ זענט שוין טאקע מודה אינעם ענין פון 'צדיק גוזר', און עטץ ווארפט אוועק אייערע כפירות וואס עטץ האט געלייקנט אין דער השגחה וואס דער אייבערשטער איז משגיח בתחתונים!". אבער זיי האבן נאכאלץ נישט געוואלט מודה זיין און זיך מל'ען. זענען זיי געלאפן צו פרעה און זיך באקלאגט אויף יוסף. האט זיי פרעה געזאגט: **"כל אשר יאמר לכם תעשו הרי גזר על התבואה והרקיבה מה אם יגזור עלינו ונמות"** - עטץ זעט דאך שוין קלאר, אז ער האט א כח פון 'צדיק גוזר', און דורכדעם האט ער געמאכט אז אלע אנדערע תבואות זאלן פארשימלט ווערן, נו, אויב אזוי מוזן מיר זיך מל'ען און מכיר זיין אז עס איז טאקע יא דא א השגחה עליונה אויף די גאנצע וועלט, און אז א מענטש האט א 'כח התפלה' און דער אייבערשטער הערט זיך צו צו די תפלות פון די מענטשן אויף **דער** וועלט.



ב עי' בני יששכר כסלו-טבת מאמר י"ג אות ב'.

### יוסף האט געלייגט א דגוש אויף שבת וואס ווייזט אויף 'תשובה'

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין, דעם ענין פארוואס די תורה איז מרמז אז יוסף האט געהיטן שבת אין מצרים, כאטש ער האט אודאי אפגעהיטן די גאנצע תורה. נאר וויבאלד דער ענין פון שבת ווייזט אויף 'תשובה'; ווי אויבנדערמאנט, דעריבער האט ער געלייגט א ספעציעלן דגוש דערויף - דוקא דארט אין מצרים, כדי דורכדעם מכניע צו זיין די קליפת מצרים וואס זיי האבן כופר געווען אינעם ענין פון תשובה, מיט דער טענה אז עס איז 'אין כבודו' מוחל צו זיין פאר דער וועלכער האט געזינדיגט קעגן אים.

### יוסף האט משנה געווען 'טבע הבריאה' ווי ביי 'חודש' – וועלכע ווייזט אויף 'שכר ועונש'

**אויך** דער ענין פון 'חודש' - קען מען זאגן - אז דאס האט שייכות מיט דעם ענין וואס יוסף האט שולט געווען אויף דער בריאה; ווי רש"י זאגט: "גזר על התבואה והרקיבה". ווייל ביי קידוש החודש טרעפט מען אויך אזא ענין; ווי דער ירושלמי זאגט (כתובות פ"א, ה"ב): "אמר רבי אבין אקרא לאלהים עליון לאל גומר עלי בת שלש שנים ויום אחד ונמלכין בית דין לעברו הבתולין חוזרין ואם לאו אין הבתולין חוזרין". דאס הייסט אז בית דין האט דעם כח, משנה צו זיין די טבע הבריאה פונקט ווי 'יוסף הצדיק'. און ווי אויבנדערמאנט ווייזט דער ענין פון חודש אויף 'שכר ועונש'.

**קומט** אויס, אז יוסף הצדיק זייענדיג דארט אין דעם חושך פון גלות מצרים, ארומגענומען מיט אזויפיל צער און נסיונות, האט ער זיך דערהאלטן מיט א שטארקייט במיוחד אין די דריי מצוות, חודש, שבת און מילה, און פון דארט האבן - יארן שפעטער - די חשמונאים גענומען דעם כח זיך מתגבר צו זיין אויף די יונים, וועלכע האבן זיך פארלייגט דוקא אויף די דריי מצוות.

### אלע דריי עיקרים ליגן אין די חנוכה לעכט

**ווען** די חשמונאים האבן זיך מתגבר געווען און עוקר געווען די כפירה פון די יונים, האבן זיי קובע געווען די מצוה פון חנוכה לעכט, וואס דארטן האבן זיי אריינגעלייגט די אלע דריי יסודות האמונה מיט א שטארקייט.

בײ נר חנוכה זענען אידן יא 'מקדים' און דאס װײזט אויף 'שכר ועונש'

**דער** ענין פון 'חודש' - װאס דארטן איז יא דא 'שכר בהאי עלמא' - דאס קען זײן גײט אויך אָן בײ חנוכה לעכט. װײל מען האט דאך געברענגט פון דברי חיים, אז די חנוכה לעכט ברענגט אראפ 'השראת השכינה' אונטער צען טפחים. ממילא קען זײן, אז בײ דעם איז נישט שײך די טענה פון 'מי הקדימני ואשלם', װײל דער איד האט דאך אנגעצינדן 'נר חנוכה' און ממשיך געװען די שכינה אין א פלאץ װאו עס איז נישט געװען פריער קײן השראת השכינה! דער איד איז געװען אײנער אלײן ארומגענומען מיט גשמיות און חשכות, און דארט האט ער געמאכט ליכטיג און אראפגעברענגט די שכינה, איז דאך אודאי, אז דער איד איז דער 'מקדים', און עס קומט אים יא 'שכר בהאי עלמא'! און דערפאר פארשטײט מען טאקע פארװאס די חנוכה לעכט זענען אזוי מסוגל אויסצו'פועל'ן ישועות; װי דער בני יששכר שרײבט (חדשי כסליו טבת ב, י): "בחנוכה יש מקום לעורר פקודת עקרים ועקרות כעין ראש השנה" - מען קען זיך אויסבעטן 'פקידת עקרות', און אזוי אויך אלע ישועות. װײל אײנמאל מען קען נישט זאגן דערויף 'מי הקדימני', נו האט דאך נישט קײן שיעור וערך װיפיל מען דארף באקומען באצאלט דערפאר! די גאנצע װעלט מיט 'בני חיי ומזוני' איז נאכנישט גענוג באצאלט פאר אײן מצוה! און ממילא, װערט דורכדעם צובראכן די כפירה אין 'שכר ועונש'.

'כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה' װײזט אויף 'צדיק גוזר'

**דער** ענין פון 'מילה' - װאס דארטן זעט מען דעם כח פון 'צדיק גוזר' - דאס זעט מען אויך בײ די חנוכה לעכט, און נאכמער, אז חנוכה האט דאס אפילו א פשוט'ער איד! װײל די גמרא זאגט (פסחים פו:): "כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה" - אלץ װאס דער בעל הבית הײסט פארן גאסט, זאל ער טון. און לויט װי מען האט געברענגט פון דברי חיים, אז די חנוכה לעכט ברענגט אראפ 'השראת השכינה' אונטער צען טפחים, קומט דאך אויס, אז דער אײבערשטער כביכול קומט יעצט אראפ אין א פלאץ װאו ער רוהט נישט א גאנץ יאר. נו, איז ער דאך אונזער גאסט כביכול, און מיר זענען װי דער 'בעל הבית'. ממילא, האט יעדער פשוט'ער איד א כח צו זאגן: "רבונו של עולם, טוה גוטס מיט אידן און זײ מבטל אלע זאכן װאס טויגן נישט!".

און ער איז מחויב אונז צו פאלגן, ווייל מיר האבן דעם כח פון א 'בעל הבית'. און דורכדעם ווערט צובראכן די כפירה אין 'תפלה'.

המשכת השכינה למטה מעשרה ווייזט אויף 'תשובה'

**דער** ענין פון 'שבת' - וואס דארטן זעט מען דעם כח פון 'תשובה' - דאס זעט מען אויך ביי די נרות חנוכה. ווייל דער מדרש זאגט (איכ"ר ה, כא): "השיבנו ה' אליך ונשובה, אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבונו של עולם שלך הוא, השיבנו. אמר להם שלכם הוא שנאמר שובו אלי ואשובה אליכם נאם ה'" - עס איז פאראהאן א ויכוח צווישן דעם אייבערשטן מיט כלל ישראל, דער אייבערשטער זאגט: "שובו אלי ואשובה אליכם" - קודם זאלט עטץ תשובה טון, און נאכדעם וועל איך צוריק קומען צו ענק. און כלל ישראל זאגט: "השיבנו ה' אליך ונשובה" - קודם זאלסטו אנהייבן אונז צוריק צו ברענגען צו דיר, און דערנאך וועלן מיר תשובה טון. עס קען זיין, אז ביי די חנוכה לעכט טוט זיך אפ בפועל אט די בחינה, אז ביידע קערן זיך צוריק איינער צום אנדערן, ווייל דער 'שובו אלי' ווערט נתקיים דורכדעם וואס דער איד הייבט אן די 'התקרבות' - מיט דעם וואס ער איז דער וואס צינדט און ער איז ממשיך די שכינה למטה מעשרה, און דער 'אשובה אליכם' ווערט נתקיים דורכדעם וואס די שכינה קומט אראפ דא אונטן צו אונזער פלאץ. קומט אויס, אז ביי די חנוכה לעכט איז א זמן פון אן אמת'דיגע תשובה, וואס עס ווערט מקוים דער 'שובו אלי ואשובה אליכם בשלימות. און דורכדעם וואס מען זעט, אז דער אייבערשטער נעמט טאקע אָן אונזער תשובה, און ער אליינס בכבודו ובעצמו קומט אראפ צו אונז, כדי מקיים צו זיין דעם 'ואשובה אליכם' - ווערט צובראכן די כפירה אין 'כח התשובה'.

## דברי התחזקות

**על** כל פנים, זעהן מיר דאך וואס איז טייטש חנוכה, וואספארא מתנות אידן האבן באקומען. [און] אודאי, דער אור דאס איז א נצחי! דאס גייט ווייטער! און מסתמא האט דאס אויך א שייכות [מיטן ענין] וואס אידן דארפן [דאך] כסדר 'בני חיי ומזוני', [וואס דאס] איז דאך 'לאו בזכותא תליא אלא במזלא' (מו"ק כח.). דאס איז דער [זעלבער] ענין [וואס מען האט

אויבנדערמאנט], וואס אידישע קינדער האבן א כח ממשיך צו זיין [בבחינת צדיק גוזר], דאס איז דאך למעלה פון זכותים.

**זאל** דער אויבערשטער העלפן, אז טאקע די זכות פון די הייליגע חשמונאים, [און] פון די הייליגע צדיקים וואס האבן געצינדן די לעכט מיט אזעלכע כונות, מיט אזעלכע געוואלדיגע אהבה ויראה, אודאי דאס וועט שוין ביישטיין [פאר] אלע דורות, און בפרט [פאר] אונזערע דורות. אונז זעמיר אזוי שוואך, [אונז] האבן מיר אזוי נישט קיין כח, [און] פונדעסטוועגן יעדער איד האט מקיים געווען 'מצות נר חנוכה' מיט אלע מיני אופנים לפי בחינתו.

**זאל** דער אויבערשטער העלפן, עס זאל נשפע ווערן שפע ברכה והצלחה, ברוחניות ובגשמיות, עס זאל שוין נתעורר ווערן די נסים, זאל מען זוכה זיין צו די גרויסע אורות וואס איז געווען, זאל מען זוכה זיין אז עס זאל זיין טאקע 'הניסים שעשה לאבותינו בימים ההם **בזמן הזה**', אידן זאלן געהאלפן ווערן בכל הענינים, עס איז דאך א זמן פון 'פקידת עקרות', מיט פרנסות, מיט נחת ברוחניות ובגשמיות, ניצול ווערן פון אלע מיני חלילה גזירות זאל מען ניצול ווערן, מען זאל זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

## וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה לְכָל מִצְרַיִם לְכוּ אֶל יוֹסֵף אֲשֶׁר יֹאמַר לָכֶם תַּעֲשׂוּ.

רש"י זאגט, אז יוסף האט זיי געהייסן זיך מל'ען.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, יוסף האט דאך נישט מגייר געווען די מצריים. נו, פארוואס האט יוסף געהייסן, אז זיי זאלן זיך מל'ען? וואס איז דער ריוח פון האבן א שטאט פון געמל'טע גוים?

**אויך** איז שווער, יוסף איז דאך געווען משנה למלך און ער האט געהאט די שליטה איבערן גאנצן לאנד, נו, אויב האט ער טאקע געהאלטן אז עס איז אזוי וויכטיג אז די מצריים זאלן זיך מל'ען, וואלט ער דאך געקענט זיי הייסן דאס טון נאך איידער די הונגער יארן האבן זיך אנגעהויבן?

**נאר** עס קען זיין אפשר זיין פשט אזוי. דער נועם אלימלך זאגט (דברים ד"ה או יאמר אלה הדברים): **"דאבות לא קיימו יסוד מצות צדקה לגמרי מחמת שלא הי' להם ליתן צדקה למולים"**. די אבות הקדושים האבן נישט מקיים געווען מצות צדקה לגמרי ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין געמל'טע גוים פאר וועמען צו געבן צדקה. ווי מען זעט טאקע, אז עס איז נישטא קיין שום מצוה צו געבן צדקה פאר א גוי, נאר 'משום איבה' דארף מען זיי אויך געבן, אבער דאס איז נישט אלס 'הלכות צדקה'.

**מען** קען אפשר מסביר זיין א שטיקל הסבר אינעם נועם אלימלך. ווייל דער ענין פון צדקה איז אז דער 'משפיע' גיבט אריין א השפעה פון 'חסד' אינעם 'מקבל' אז ער זאל נישט בלייבן א 'מקבל' נאר זאל אויך ווערן א 'משפיע'. און מען קען זאגן, אז דער שלימות פון צדקה איז ווען דער 'מקבל' ווערט טאקע אליין אויך א 'משפיע'! א דוגמא דערצו זעט מען ביי הלכות פריה ורביה (אהע"ז סי' א סעיף ה), אז מען איז נישט יוצא די מצוה, נאר אויב מען האט געבוירן אזא איינעם וואס ער איז ווייטער 'ראוי להוליד', ווייל ווילאנג דאס קינד האט נישט דעם 'כח ההשפעה' - האט דער טאטע נאכנישט ריכטיג אויפגעטון מיט זיין השפעה. און אזוי זעט מען אויך, פונעם ענין פון 'תרומת מעשר', אז דער ישראל דארף משפיע זיין פאר די לוים - וועלכע

זענען די עניים, אז זיי דארפן ווייטער משפיע זיין פאר די כהנים. ווייל דער עיקר כח הצדקה איז, ווען מען מאכט יענעם זיין א 'משפיע' אויף ווייטער.

**ווילאנג** א מענטש איז נישט גע'מל'עט, ווערט ער אנגערופן 'ערל', א פארשטאפטער. דאס הייסט, אז ער קען גארנישט זיין קיין 'משפיע', ער האט גארנישט דעם 'כח' פון השפעה! און כאטש מען זעט בפועל אז ער קען אויך געבן צדקה און טון חסד, איז עס אבער נאר צוליב חשבונות וואס ער וויל דורכדעם 'מקבל' זיין, און נישט מיט א ריינקייט לשם 'השפעה'; ווי דער זוהר הק' זאגט (תיקו"ז כב.): "כל מה דעבדין לגרמיהו הוא דעבדי".

**יוסף** הצדיק איז דאך געווען דער גרויסער 'בעל צדקה', ער האט דאך דא געראטעוועט א גאנצע וועלט פון אויסגיין פאר הונגער. אבער יוסף האט געטראכט צו זיך: "די אלע מצריים זענען דאך 'ערלים', און זיי האבן נישט דעם 'כח ההשפעה' - צו געבן ווייטער, נו, וואס טוה איך אויף מיטן משפיע זיין צו זיי? עס איז דאך נישטא דא דער 'כח ההשפעה' אויף ווייטער?". דערפאר האט יוסף זיי געהייסן אראפצונעמען די ערלה און זיך מל'ען, כדי זיי זאלן קענען ווערן 'משפיעים', און דורכדעם וועט ער אליין ריכטיג מקיים זיין מצות צדקה.

**מען** קען אפשר זאגן נאכמער, אז יוסף האט געוואוסט, אז ער דארף דא האבן א גרויסן זכות אז די תבואה זאל נישט פארשימלט ווערן - אין א צייט וואס די וועלט איז שרוי אין אזא 'מדת הדין'. און דערפאר האט ער געמוזט אנקומען צו דער כח פון 'מצות צדקה'; ווי רש"י זאגט (בראשית יח, טז): "גדול כח מתנות עניים שהופך מדת הרוגז לרחמים". און ווי דער נועם אלימלך זאגט (שם) "ועל ידי נתינת צדקה, האדם בא גם כן למדרגה יותר גדולה שיוכל לפעול הכל". ממילא, האט ער זיי געהייסן זיך מל'ען, וואס נאר אזוי וועלן די אלע נתינות וואס ער פארטיילט - ווערן פאררעכנט ווי א ריכטיגע צדקה, און דורכדעם וועלן זיך די תבואות האלטן פריש, און ער וועט קענען ממשיך זיין מיט די מעשה צדקה וחסד.

## שיחות וסיפורים

**נישט זוכה געווען צו זען דעם ראפשיצער רב**

**לויט** די יארן וואלט ווען דער שינאווער רב אלס קינד געקענט זיין ביים ראפשיצער רב זצ"ל[ג], און דער פאטער האט אים טאקע געוואלט מיטנעמען קיין ראפשיץ. אבער למעשה האט ער אים קיינמאל נישט מיטגענומען. ווייל די צוויי קינדער, דער שינאווער רב און דער קשאנובער רב האבן געהאט בלויז איין מאנטל פאר ביידע, און זיי האבן זיך איינגעטיילט, אינדערפרי איז איינער געגאנגען מיטן מאנטל אין חדר, און נאכמיטאג איז דער צווייטער געגאנגען אין חדר. האט דער צאנזער רב זיך געמאכט דעם חשבון, אז אויב וועט ער מיטנעמען דעם שינאווער רב קיין ראפשיץ, וועט דאך דער קשאנובער רב נישט קענען גיין אין חדר!.

**פרומקייט שאַדט צו דביקות**

**אלס** חתן איז דער שינאווער רב געווען ביי זיין צוקונפטיגן שווער, דער ארי' דבי עילאי. האט ער אים מכבד געווען מיטן בענטשן. האט זיך דער שינאווער רב אנגערופן, אז 'דער כוס איז נישט אינגאנצן פול ביז אויבן'. האט אים דער אריה דבי עלאי געזאגט: **"פרומקייט שאַדט צו דביקות!"**. און צו די ארומיגע האט ער זיך שפעטער אנגערופן: **"אבער, ער מיינט עס ערנסט!"**.

***פאסטן, אז מען קען, מהיכי תיתי'...***

**אן** ענליכער משא ומתן צווישן דעם שווער און איידעם אינעם ענין פון טון 'פרומע עבודות', טרעפט מען אין דברי יחזקאל (פרשת שופטים ד"ה כי), וואס דער שינאווער רב אליינס פארציילט, אז זייענדיג אויף קעסט ביים שווער דער אריה דבי עילאי, האט ער געוואלט פרעגן פון אים וואס ער האלט וועגן פאסטן תעניתים. אבער ווען ער איז אריינגעקומען צו אים, האט ער געהאלטן אינמיטן רעדן מיט איינעם, און דער אריה דבי עילאי האט זיך אנגערופן צו יענעם: **"פאסטן, אז מען קען, מהיכי תיתי, אבער דאס איז נישט**



ג דער שינאווער רב איז געבוירן שבט תקע"ו, דאס הייסט אז ביי די הסתלקות פון ראפשיצער רב זי"ע איז ער אלט געווען עלף יאר.

**דער עיקר!**". און מיט דעם טייטשט דער דברי יחזקאל דעם פסוק (דברים יז, ט): "וּבָאתָ אֶל הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם וגו' וְדָרַשְׁתָּ וְהִגִּידוּ לְךָ", לכאורה וואלט געדארפט שטיין 'ודרשתם' אז מען זאל פרעגן די כהנים? 'וְדָרַשְׁתָּ' איז טייטש דו זאלסט פרעגן אבער דער פסוק זאגט דאך נישט 'וועמען' דו זאלסט פרעגן? נאר דאס גייט ארויף אויף א איד וואס ער האט עפעס א ספק, און ער קומט צום צדיק אנפרעגן דערויף, זאגט די תורה: וְדָרַשְׁתָּ - דו וועסט טראכטן ביי **דיר** אין הארץ דעם ספק, און דו וועסט עס ניטאמאל פרעגן פון זיי, און וְהִגִּידוּ לְךָ - די צדיקים וועלן דיר שוין פון זיך אליינס ענטפערן א תשובה אין זייערע ווערטער וואס זיי וועלן רעדן.

**זיין גאונות להפליא**

**דער** שינאווער רב איז געווען א 'גאון עולם'. די וועלט ווייסט נאר פון דער גאונות פונעם צאנזער רב אז ער איז געווען ממש א שר התורה; ווי מען זעט עס אן אין די תשובות דברי חיים, אבער פון דעם וואס דער שינאווער רב האט נישט געמאכט קיין ספר שאלות ותשובות און דברי תורה, איז נישט קיין ראיה אז ער איז געווען וויניגער תלמיד חכם; ווי עס איז ידוע, פון די עטליכע תשובות וואס ער האט געשריבן מיט א געוואלדיגע גאונות און חריפות. נאר - זעהט אויס - אז ער איז געגאנגען אינעם דרך פון זיין רבי'ן הרה"ק רבי ר' אשר'ל ראפשיצער זי"ע[ד], וואס ביי אים זעט מען דאך אויך אזא סארט הנהגה, אז פון איין זייט ווייסט מען אז ער איז געווען א 'גאון עולם'; ווי דער צאנזער רב (שו"ת ח"א יור"ד סוף סי' נ"א) דרוקט זיך אויס אויף אים: "**גאון הדור** קדוש ישראל", און למעשה איז כמעט נישטא קיין חידושי תורה פון אים. ממילא זעט אויס, אז דער שינאווער רב האט זיך אויסגעלערנט פון אים, אז כאטש ער איז געווען אזא גאון, האט ער אויך גארנישט געשריבן און עס איז כמעט נישטא פון אים, אויסער די ביסל ליקוטים. אינ'אמת'ן, דער צאנזער רב אליינס, וואלט אויך נישט סתם אזוי געמאכט דעם ספר, נאר ער האט געהאט עפעס א 'טעם כמוס'; ווי ער שרייבט אין די תשובות



ד כידוע אז דער הייליגער שינאווער רב זי"ע האט געזאגט, אז ער האט געהאט דריי רבי'ס: הרה"ק דער רבי ר' הערש מרימנוב זי"ע, הרה"ק רבי ר' אשר'ל מראפשיץ זי"ע און הרה"ק מבעלז זי"ע.

(ח"א יו"ט י"א): "זה כמה אשר נהגתי להשיב לשואלי מחמת כמה טעמים הכמוסים".

**נאך עטליכע צוואנציג יאר - געדענקט דעם פלפול...**

**הגה"ק** דער קראקעווער רב, רבי שמעון סופר זצ"ל - א זון פונעם חתם סופר, איז אמאל געווען ביים ישמח משה. נו, דער ישמח משה איז דאך געווען דער גרויסער גאון, האבן זיי אודאי גערעדט אין לערנען. דעמאלט אין יענע תקופה, האט דער שינאווער רב געגעסן קעסט ביים זיידן דער ישמח משה. האט דער ישמח משה געזאגט פאר רבי שמעון סופר: "גייט אריין דא צו מיין אייניקל און רעדט מיט אים!". איז ער אריין צו אים, און ער האט געזאגט א שארפן פלפול פארן שינאווער רב. אבער דער שינאווער רב האט גארנישט רעאגירט, אזוי ווייט, אז דער רבי שמעון סופר איז געווען מסופק צי ער האט זיך בכלל נישט צוגעהערט אדער ער האט פשוט נישט דערהערט דעם עמקות.

**עס** איז אריבערגעלאפן עטליכע צוואנציג יאר, האבן זיי זיך נאכאמאל געטראפן. האט רבי שמעון סופר געפרעגט פונעם שינאווער רב: "איר געדענקט מיך?". האט ער געענטפערט: "יא אודאי! איך האב אייך געזען ביים זיידן דער ישמח משה, און איך געדענק נאך אפילו די דברי תורה וואס איר האט מיר דעמאלט געזאגט!". און דער שינאווער רב האט אים איבערגעזאגט דעם גאנצן פלפול וואס ער האט אים דעמאלט געזאגט... האט רבי שמעון סופר זיך אנגערופן: **"איך האב געוואוסט אז ער איז 'א רבי', אבער אז ער זאל קענען נאכזאגן א פלפול - וואס א צווייטער האט געזאגט - עטליכע צוואנציג יאר שפעטער, דאס האב איך נישט געוואוסט!".**

ווייזט אויס, אז דאס איז נאך גרעסער פון צו זיין א רבי...

**ריתחא דאורייתא**

**דער** שינאווער רב איז אמאל געקומען צו פאָרן צום פאטער, און ווען ער איז אריינגעקומען איז דער קשאנובער רב אויך געזעסן דארט. און דער שינאווער רב האט אנגעהויבן צו רעדן מיטן צאנזער רב אין לערנען, און זיי זענען אריין אין א פלפול, אז זיי האבן זיך צוקאכט מיט א פלאם פייער. האט דער קשאנובער רב זיך געוואלט אננעמען פארן פאטער און אויפווייזן אז

דער צאנזער רב איז גערעכט, האט אים דער צאנזער רב געזאגט: **"לאז אפ! דו זעסט נישט אז ער איז א שטיק פייער?"**.

**נאסוידער רב'ס התפעלות פונעם שינאווער רב**

**הרה"ק** דער נאסוידער רב זצ"ל איז דאך געווען א צאנזער חסיד. נאכן הסתלקות פון צאנזער רב, איז ער געקומען צו פארן צום שינאווער רב מיט נאך חשוב'ע צאנזער חסידים, זיי האבן גערעדט מיט אים אין לערנען און צוגעזען זיין עבודת הקודש. האט זיך דער נאסוידער רב אנגערופן מיט התפעלות: "**כולא ביה' - אלעס איז דא אין אים!**". ווי איינער זאגט: אלעס וואס מען האט געזען ביים טאטן, זעט מען ביי אים!

**אב מעיד על בנו: ער איז אן ערליכער איד**

**דער** צאנזער רב פלעגט דאך טיילן צדקה אן קיין שיעור, האט מען אים געפרעגט: "דער שינאווער רב גיבט דאך **נאר** א חומש?", האט ער געענטפערט ברוב ענותנותו: "**ער - איז דאך אן ערליכער איד!** אבער איך בין דאך א חוטא ופושע[ה], כל אשר לו יתן בעד נפשו!".

**פאראורבעט מעשים פארן טאטנ'ס אריכות ימים**

**בשנת** תרט"ו נאכן הסתלקות פון בעלזער רב, האט דער שינאווער רב אנגעהויבן צו נעמען קוויטלעך. דער שינאווער רב האט מסביר געווען אז דאס איז בכונה צו פועל'ן אריכות ימים פארן פאטער, ווייל מיט דעם האט ער געוויזן אז ער איז נישט דער 'ממלא מקום' פונעם פאטער, און ממילא איז נישטא דא דער ענין וואס די גמרא זאגט (ברכות מח:): "אין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא". אזוי אויך, האט דער שינאווער רב געטון נאך פארשידענע ענינים וואס ער האט זיך געפירט אנדערש ווי דער טאטע, אלץ פאר דער סיבה פון אריכת ימים פארן פאטער. און ער האט געזאגט, אז בזכות פון די אלע ענינים האט מען מוסיף געווען פארן פאטער נאך צוויי און צוואנציג יאר!



ה ז"ל ספר התניא אגה"ק י': "מה שאמרו 'המבזבז אל יבזבז יותר מחומש', היינו דוקא במי שלא חטא או שתיקן חטאיו בסיגופים ותעניות כראוי לתקן כל הפגמים למעלה. אבל מי שצריך לתקן נפשו עדיין, פשיטא דלא גרעה רפואת הנפש מרפואת הגוף שאין כסף נחשב, וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו כתיב".

**זיין 'כיבוד' און 'יראה' צום טאטן**

**דער** שינאווער רב איז דאך געווען א 'שולחן-ערוך איד', ער האט מקיים געווען כל התורה כולו געניו ווי עס שטייט אין שולחן ערוך . דאס האט מען אויך געזען ביי זיין פאָרן צום טאטן דער הייליגער דברי חיים. ווייל אין דער תורה איז דאך דא סיי א מצוה פון 'כיבוד אב' און סיי א מצוה פון 'יראה'; ווי עס שטייט (ויקרא יט, ג): "איש אמו ואביו תיראו". אויפן וועג קיין צאנז, איז ער געווען בשמחה אין לשער, אז ער גייט מקיים זיין כיבוד אב! אבער ווי נאר ער איז אנגעקומען קיין צאנז, האט אים אנגעכאפט אזא 'יראת אביו', אז ווען ער איז צוגעגאנגען צו דער קלאמקע, האט ער אזוי שטארק געציטערט פון פחד, אז ער האט ממש נישט געקענט עפענען די קלאמקע!

**ווען דו זאלסט האבן אזא אמונה ווי איך...**

**דער** שינאווער רב איז אמאל געזעסן און געגומען קוויטלעך, איז געשטאנען דארט א איד אין דער זייט און זיך צוגעקוקט, און ער זעט ווי עס קומען אזעלכע צובראכענע הערצער נעבעך און זענען זיך מזכיר, יעדער מיט זיינע צרות רחמנא ליצלן, דער דארף שידוכים, דער האלט ביים באנקראטירן דאס געשעפט, און דער דארף א רפואה, און דער שינאווער רב איז אזוי געזעסן און אנגעוואונטשן יעדן איינעם. און דער איד האט געמיינט אז ער פאלט אוועק פון צער, ביז ער האט עס שוין ממש נישט אויסגעהאלטן, גיבט ער זיך א רוף אן: "רבי זייט מיר מוחל אז איך בין אייך מפסיק, אבער איך וויל פארשטיין, וויאזוי האלט דער רבי אויס צו הערן אזויפיל צרות פון אידן? איך הער דא יעצט נאר א פאָר מינוט און איך האלט עס שוין נישט אויס?". האט אים דער שינאווער רב געענטפערט: "**ווען דו זאלסט אזוי האבן אמונה ווי איך, אז דער איד קען אין איין מינוט געהאלפן ווערן, וואלסטו אויך געקענט!**".

**מען** קען דאס אביסל מסביר זיין בפשטות. ווייל געווענליך זענען דא 'הזכרות' וואס די ישועה איז מער בדרך הטבע, און דארט איז גרינגער צו פועל'ן א ישועה און פון אזעלכע הזכרות איז דער איד נישט צובראכן געווארען. אבער עס זענען פאראן שווערע הזכרות, וואס די ישועה איז מער בדרך 'נס', הערנדיג אזעלעכע שווערע הזכרות איז דער איד געווארען צובראכן און נישט געקענט אויסהאלטן.

**אבער** ביי א צדיק איז נישט קיין חילוק וועלכע סארט הזכרות, ווייל דער צדיק האט אמונה אז 'טבע' איז אויך 'נס', און ממילא איז שוין נישט קיין חילוק צווישן אזא ישועה ביז אזא ישועה, ווייל דער אייבערשטער טוט דאך אלעס. קומט אויס, אז דער צדיק וואס ער פועל'ט אלע סארט ישועות, איז עס אלעס בכח זיין געוואלדיגע אמונה, און ממילא איז ער זיך מחזק אויך ביי די 'שווערע' הזכרות, וויבאלד ער גלייבט אז אפילו 'שלא כדרך הטבע' קען מען אין איין מינוט געהאלפן ווערן.

**כאטש** וואס אודאי ווערט מען נישט **אלעמאל** געהאלפן, איז דאס בלויז וויבאלד דער רצון ה' איז געווען דוקא אויף דעם אופן, צי ווייל דער מקבל איז נישט געווען ראוי, צי ווייל די צייט איז נישט געווען גענוג אן עת רצון וכדומה, אבער מצד 'ישועת ה' גלייבט דער צדיק אז ביים אייבערשטען איז העלפן 'שלא כדרך הטבע' איז פונקט ווי 'כדרך הטבע'! ביים צדיק איז ער שוין כמעט א געהאלפענער - פונקט ווי ביי א לייכטע הזכרה!

**עס** ליגט נאך אן ענין אין דער עבודה פון העלפן אידן, דאס וואס דער נועם אלימלך זאגט אין פרשת בשלח (ד"ה ויקח), **"וזה הוא כלל גדול כשרוצה צדיק לעשות טובה לאיזה איש אז צריך מקודם להכניס במקבל הטובה אמונה שיאמין בזה שיהיה לו טובה על ידי זה הצדיק"** - ווען א צדיק וויל א טובה טון פאר א איד, מוז ער אריינברענגען אין דעם איד 'אמונה', אז ער זאל גלייבן אז ער קען געהאלפן ווערן דורך דעם צדיק. קומט אויס, אז דער שינאווער רב האט געהאט א טאפלטע עבודה, ער האט טאקע צוגעשטעלט זיין עבודה משפיע צו זיין א ישועה, און מצדו האט ער טאקע געקענט העלפן, אבער ער האט נאך געדארפט אריינברענגען אין דעם איד אז ער זאל האבן די אמונה אינעם צדיק, און אריינצוברענגען אמונה, דאס איז שוין נישט אזוי גרינג. אבער אידן זענען דאך געהאלפן געווארן ביי אים, האט ער זיכער אויך אריינגעברענגט די אמונה אין זיי.



**נישט מפסיק געווען ממשנתו אפילו פארן בעלזער רב**

**דער** שינאווער רב פלעגט יעדן טאג לערנען דעם 'חק לישראל'. אמאל איז דער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זצ"ל אנגעקומען אויף א באזוך - פונקט ווען דער שינאווער רב האט געהאלטן אינמיטן דעם שיעור אין

׳חק׳, און דער שינאווער רב האט נישט מפסיק געווען פון לערנען. דער בעלזער רב האט צוגעווארט. ווי פארשטענדליך, זענען די בעלזער חסידים געווארן אומבאקוועם... האט דער בעלזער רב זיי געוויזן, אז זיי זאלן זיך האלטן רואיג. ווי דער שינאווער רב האט געענדיגט לערנען, האט ער מיט חכמה זיך אנגערופן צום בעלזער רב: ״וואס זאל איך טון? אפילו דעם ׳חק׳ לאזן זיי [די חסידים] מיך נישט לערנען, דעריבער האב איך זיך פאַרגענומען, אז **אפילו** דער בעלזער רב וועט קומען, וועל איך אויך נישט מפסיק זיין!״...

דאס איז געווען דער ׳פיוס׳ וואס ער האט אים מפייס געווען.

**א הייליג בעט שמעקט גוט...**

**דער** קאלאשיצער רב אלס קליין קינד, האט אמאל געפרעגט דעם שינאווער רב: ״**זיידע, פארוואס שמעקט דיין בעט אזוי גוט?**״.

ער האט געהאט א גוטן חוש הריח...

**דא איז ׳ישראל׳...**

**ווען** דער שינאווער רב איז צוריקגעקומען פון ארץ ישראל האט ער געזאגט: **דארט** איז ׳ארץ׳ און **דא** איז ׳ישראל׳״.

**א ׳והנורא׳ פון שינאווער רב**

**רבי** איציק׳ל האט פארציילט, אז אלס קינד האט ער זיך געשפילט מיט די קינדער, און די קינדער האבן זיך צושלאגן צווישן זיך, האט ער מורא געהאט אז מען וועט אים אויך שלאגן, איז ער געלאפן און זיך באהאלטן אונטערן טלית פונעם שינאווער רב. דער שינאווער רב האט דעמאלט געהאלטן אנפאנג פון די שטילע שמונה עשרה, האט ער געהערט ווי ער זאגט ׳והנורא׳. האט רבי איציק׳ל געזאגט: ״**דער ׳והנורא׳ ליגט מיר נאכאלץ אין די ביינער עד היום הזה!**״.

**רב דושינסקיא: אלעס א דאנק די צוויי שבתים אין שינאווא**

**איך** האב געהערט פון הרה״צ רבי מיכל׳ע מנתניה ז״ל, וואס ער האט געהערט פון ירושלים׳ער רב הגה״צ רבי יוסף צבי דושינסקיא זצ״ל, אז דאס וואס ער האט זוכה געווען צו ווערן ירושלים׳ער רב, איז ווייל ער איז געווען צוויי שבתים ביים שינאווער רב זי״ע.

### א שינאווער חסיד האט זיך דערקענט

**הרה"ק** רבי יאנקעלע מ'פשעוואַרסק ז"ל פלעגט זאגן: "אינדערהיים, א איד וואס איז געווען אין שינאווא [אלס חסיד] האט מען עס געקענט אנטאפן אויף יעדן טריט און שריט! מען האט אנגעזען אין די גאנצע הנהגה, אז דאס איז א שינאווער חסיד!".

### זרעו בחיים

**דער** שינאווער רב האט אמאל אויסגערעכנט די מעלות פון זיינע קינדער, האט ער געזאגט אזוי: "מיין משה'לע - איז אן עובד ה' במסירות נפש, גאר אן קונצן! מיין סטראפקובער רב - א הויכע נשמה, ער קען א איד א טובה טון! מיין ר' לייבוש פון טורנא- א תלמיד חכם, א זיסער בקי, אפילו תנא דבי אליהו קען ער אויך! מיין ציעשנוב'ער רב - אן עובד ה', א בעל מח!".

**ווייזט** אויס, אז ר' נפתלי (בעל 'אילה שלוחה') איז שוין נישט געווען דעמאלט בחיים, ער איז דאך געווען א גאון עצום.

### א פשוט'ע קריאת שמע שעל המטה...

**די** פריסטיקער רביצין הרבנית פיגא בילא - א טאכטער פון שינאווער רב, האט פארציילט פאר די מאמע ע"ה (הרבנית מלאנצהוט): **"דער טאטע, בשעת'ן ליינען קריאת שמע שעל המטה, האט ער אויסגעזען ווי א קאַלב וועלכע ליגט גרייט צו דער שחיטה!".**

### איבערגעלאזט זיין 'תורה' פאר די קינדער

**נאכן** הסתלקות פונעם שינאווער רב, נאך בעפאר די לויה, האט די טאכטער הרבנית פיגא בילא ע"ה די פריסטיקער רביצין זיך אנגערופן לפני מטתו פונם שינאווער רב: **"טאטע, דו ווייסט דאך אז איך האב זיך אוועקגעגעבן אלע יארן צו פירן די שטוב** (זי איז געווען די גאנצע עקרת הבית און האט אנגעפירט די שטוב) **בעט איך דיר אז דיין 'תורה', זאלסטו איבערלאזן דא פאר דיינע קינדער".**

**די** מאמע עליה השלום (הרבנית מלאנצהוט) פלעגט פארציילן, אז ווען דער זיידע דער ווישניצא רב זצ"ל האט עס שפעטער איבערגעזאגט, איז ער

געוועז זייער פרייליך דערמיט, ווייל וויבאלד זי האט געזאגט ׳**דיינע**׳ קינדער און נישט ׳**מיינע**׳ קינדער, זענען דאך דעם ווישניצא רב׳ס קינדער אויך נכלל אין דער בקשה פון דער פריסטיקער רביצין.

**דאס זאל דעם רבי׳ן נישט אנגיין, דער רבי זאל פראווען ...**

**עס** איז געוועז א איד פון פריסטיק וואס ער האט געהאט א ׳גיהט׳. א גיהט האט געמיינט, א גרויסער גארטן מיט פרוכטביימער וכדומה. אבער דאס געשעפט איז אים נישט געגאנגען. האט ער זיך מיישב געוועז, אז ער וועט פארברענען דעם גיהט, און די ׳אינשורענס׳ וועט אים דאך באצאלן אסאך געלט, ממילא וועט ער ארויסגיין מיט ריוח. ער האט נישט לאנג געטראכט, נאר טאקע באלד געטון למעשה און אנגעצינדן א פייער און פארברענט דעם גאנצן גיהט. אבער צו זיינע צרות איז דארט אין דער שריפה, אויך פארברענט געווארן ל״ע א שייגעץ, און די גוים האבן באלד געזאגט, אז דער איד האט עס אונטערגעצינדן בכונה. און עס איז אים אויסגעשטאנען רח״ל א שווערע משפט.

**דער** איד איז נישט געוועז קיין חסיד, אבער א חבר זיינער האט אים געגעבן א עצה: ״פאלג מיר און פאָר אריין צום שינאווער רב! דאס איז דאך נישט אזא פשוט׳ע זאך זוכה צו זיין דא אין אזא שווערן משפט! דו דארפסט האבן א ברכה פון א צדיק״. ער האט אים אויך געזאגט אז ביי א רבי׳ן דארף מען אויך האבן אן אדוואקאט, ווייל מען דארף טויגן ביי א רבי׳ן... זייענדיג דארט זאל ער מיטנעמען איינע פון די אייניקלעך זאלן מיטגיין מיט אים צום רבי׳ן. אנקומענדיג קיין שינאווא האט ער מיטגענומען אן אייניקל פונעם שינאווער רב, דוכט זיך מיר אז דאס איז געוועז דער קלאַסנא רב זצ״ל, ער איז געוועז אן אדם חשוב.

**דער** איד קומט אריין צום שינאווער רב, ער שרייבט אן א קוויטל, און אינעם קוויטל שרייבט ער אריין: ״די גוים זענען מיר חושד אז איך האב פארברענט דעם גיהט, און עס איז להד״ם. און עס שטייט מיר אויס א משפט נורא״. דער שינאווער רב נעמט דעם קוויטל און דער האנט און קוקט אריין, און ער רופט זיך אן: ״**אז דו ביסט נישט שולדיג וועט דיר גארנישט געשען!**״. הערנדיג אזא תשובה, איז דעם איד נעבעך קאלט געווארן אין די ביינער,

ענטפערט ער צוריק: "רבי אודאי בין איך נישט שולדיג, איך וועל דען גיין פארברענען א גיהט?". זאגט אים דער שינאווער רב: **"נו, זאג איך דיר, אויב דו ביסט נישט שולדיג האסטו נישט וואס מורא צו האבן!"**. און דער איד פרובירט נאכאמאל: "דער רבי איז מיר חושד אויף אזא זאך? איך זאל גיין פארברענען א גיהט?". זאגט אים דער שינאווער רב נאכאמאל: **"נו, האב איך דיר געזאגט, אויב דו ביסט נישט שולדיג וועט דיר נישט געשען קיין שום שלעכטס!"**. דער איד האט געזען אז דער מצב טויג נישט, האט ער אנגעהויבן זאגן: "דער רבי ווייסט דאך אז היינטיגע צייטן איז אזוי שווער דער מצב פון פרנסה". דא האט זיך דער שינאווער רב צופייערט: **"וואס? דו ביסט שולדיג? וועלכער איד טוט אזוינס, צו גיין פארברענען א גיהט?"**. און אזוי האט ער אים אריינגעגעבן א פארציע. דער איד האט געזען, אז 'זיך מודה זיין' טויג אודאי נישט, האט ער צוריקגעדרייט: "ניין רבי, איך זאל דאס גיין טון? חס ושלום!". זאגט אים דער שינאווער רב: **"נו, האב איך דיר שוין געזאגט, אז דו ביסט נישט שולדיג האסטו גארנישט וואס מורא צו האבן! דו קענסט אהיימפארן געזונטערהייט און עס וועט דיר גארנישט פאסירן!"**. און דער איד האט א פאָר מאל געדרייט אהין און צוריק, אבער דער שינאווער רב האט זיך געהאלטן ביי זיינס.

**דער** אייניקל דער קלאסנער רב האט געזען אז דער איד דארף דא א ישועה, האט ער זיך אנגערופן: "זיידע, ביים בעל שם טוב איז נישט אזוי געווען!". פרעגט אים דער שינאווער רב: "וואס איז געווען ביים בעל שם טוב?". האט ער פארציילט: "אמאל איז געווען א איד מיטן נאמען שלמה, וואס ער איז געווען ביים פריץ דער 'מעֶלעֶטשאַרנעֶ', דאס הייסט א 'מילכיגער', ער האט געמאכט פארן פריץ פוטער, קעז און מילך וכדומה, וואס דער פריץ האט פארקויפט פאר די משפחות פון אלע ארומיגע שטעטלעך, און דער פריץ האט אים צוגעשטעלט די נויטיגע כלים דערצו. ויהי היום, האט זיך דער שלמה מיישב געווען: "וואס דארף איך ארבעטן ביים פריץ? עס איז דאך א שווערע עבודה, מען דארף ארבעטן ביינאכט, כדי די מילכיגס זאל זיין גרייט אויף אינדערפרי ווען מען קומט איינקויפן, איך קען דאך מאכן די פרנסה פאר מיר אליינס? יעצט ביי דער נאכט, שלאפט דאך יעדער, קען איך יעצט גנב'ענען די אלע כלים, און אליינס

מאכן די אלע מילכיגע מאכלים!". און אזוי האט ער טאקע געטון. עס איז געקומען אינדערפרי איז ער געגאנגען צום פריץ און געזאגט: "פּאַניע פריץ, די אלע כלים זענען גע'גנב'עט געווארן!". זאגט אים דער פריץ: "שלמה, אויב דו וועסט מיר נישט צוריקברענגען די אלע כלים, וועל איך איינזעצן דיר מיט די גאנצע משפחה אין קרימינאלי!".

**דער** שלמה איז געווען אין א פארלעגנהייט, צוריק ברענגען די כלים קען ער דאך נישט, ווייל דער פריץ וועט קלאר זען אז 'ער' איז דער גנב. נו, וואס טוט מען דא? איז דער שלמה געגאנגען צום בעל שם טוב און געוויינט: "רבי, דער פריץ איז מיר חושד אז איך האב גע'גנב'עט די אלע כלים! דער רבי קען דאך מיר, איך בין א גנב? איך וועל גיין גנב'ענען?". האט דער בעל שם טוב געזאגט: "קום מיט מיר אין מקוה!". איז דער בעל שם טוב אריינגעגאנגען אין מקוה און זיך גע'טובל'ט א טבילה, און דערנאך רופט ער זיך אן: "**שלמה, 'דו' האסט דאך גע'גנב'עט די כלים?**". זאגט ער: "**דאס זאל דעם רבי'ן נישט אנגיין, דער רבי זאל פראווען...**". און עס איז אים געלונגען! דער בעל שם טוב האט אנגענומען זיינע ווערטער, און אים אנגעוואונטשן אז דער פריץ זאל נישט האבן קיין שליטה אויף אים, וכן הוה.

**אזויווי** דער שינאווער רב האט געהערט די מעשה פונעם קלאסנער רב, האט ער זיך אנגערופן: "**אויב אזוי, איז פאָר אהיים! זיי וועלן נישט האבן קיין שליטה אויף דיר און דו וועסט ניצול ווערן פון אלעמען!**". וכן הוה.

(די מעשה האב איך געהערט פונעם ציעשנוב'ער שוחט, ער איז געווען א חסיד'ישער אלטער איד).